יודישע ליטעראטור

י. דינעזאהן.

שמשן שלמה מיט זיינע פערד.

פרייז 3 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909

282

י. דינעזאהן.

שמשון שלמה מיט זיינע פערד.

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-87 Canal St., New York
1909

אנמערקונג.

דיזע מערקווירדיגע פעריאָדע איז ערשינען אין בוך־פאָרים אין וואַרשאָ און דיזער ביכעל האָט אויף געקאָכט גאַנץ רוסלאַנד ווייל עס איז אַ געוואַלטיגע קריטיק געגען צאַר ניקאָלאַי און זיין רעגיערונג און מען כאַפּט דאָס וויא מצה וואסער.

איבער דעם צענזור וואָס צווינגט דעם שרייבער צוא שרייבען אַללעס פערדעקט האָט מר. דינענזאָהן איינגע־וויקעלט זיין שאַרפע קריטיק אין אַ פּראַכטפאָלע ערצעהלונג פון אַ שמייסער וואָס זיצט אויף דער קעלנע און טרייבט אן פינף פערד.

דער שמייסער איז דער צאַר און דיא קעלנע זיין טראהן.

דיא פינף פערד זענען דיא פינף קלאַסען רוסישע אונטערטהאַנען. דער וויסער פערד איז דיא דוואָריאַנסטוואָ דער ברוינער, דיא מעשטשאַנסטוואָ. דאָס געפלעקטע דיא מוזשיקעס און אַרבייטער. דיא קליאַטשע, אידען. און דער יונגער פערדיל—דיא אינטעליגענטען. דיא רעוואָלוציאָנערען. דיא פליגען מיינט ער דיא באָסאָ־קאָמאַנדע דיא פּאָגראָמטשיקעס.

שמשון שלמה מיט זיינע פערד.

אדער א חלום פון א געוועזענעם שמייסער.

איפגעשריעבען פון י. דינעזאהן.

געווידמעט דעם מחבר פון דער קליאטשע,
ר׳ מענדעלע מוכר ספרים.

אז מען זאָגט: „וואָס מען טראַכט בייא טאָג דאָס חלומט זיך בייא נאַכט“ איז דאָס אַ ראַיה וויא צעהנמאָל גאָר נישט! — זאָגט שמשון שלמה — וואס דאַרפט איהר מעהר, מיר אַליין האָט זיך אין יענער נאַכט געחלומט אַ חלום, וואָס איז גאָר קיין יתכן ניט געוועזען, איך זאָל אַזוינס האָבען אַ מאָל אַ טראַכט געטהון בייא טאָג.

הערט אוים, אַדרבה, אַ מעשה, וואָס קען זיך חלומ׳ן אַנ׳אַלטען יודען, אַ געוועזענעם שמייסער אין דיא יונגע יאָהרען.

געטראַכט האָב איך אַ גאַנצען טאָג — וועגען וואָס קען טראַכטען אַ יוד אַנ׳אָרעמאַן? — וועגען דער ביטערער פרנסה, וועגען ברויט, אַ בגד, וועגען אַ דירה און געלד. לייג איך מיך שלאָפען, און עס חלומט זיך מיר, אַז איך בין נאָך יענער וואוילער יונג דער שמייסער, גאָר וויא אין מיינע יונגע יאָהרען.

איך זיטץ מיר הויך אויף דער קעלנע, דאַכט מיר, און פאָהר מיר מיט מיין גרויסען וואָגען, אָנגעלאָדען מיט משא, פול אַריבער און אַריבער. אין שפאַן געהען בייא מיר זוסאַ׳ס פיער פערד. דאָס אַלטע ווייסע פערד — אין מיט׳ן, לעבען איהם רעכטס, געהט דאָס יונגע ברוינע, מיט זיין חבר, דאָס געפלעקטע פערדל און לינקס געהט לעבען ווייסען אַלטען, אַ שוואַרצע היטציגע קליאַטשע, אָבער אַ אויסגעהאָריוועטע, אַ אויסגעדאַרטע, אַז נור הויט און ביינער. לעבען איהר געהט אויפ׳ן דראָנזיק, גאָר אַ יונג פערדל.

נאָך אַ חדר־בחור'ל כמעט. וויא אַזויא עס האָט זיך צוא מיין וואָגען צו־געשפּאַנט, ווייסט איהם דער רוח! איך הייב ניט אָן צוא גדענקען אַפילו, פון וואַנען האָט עס זיך צוא מיר גענומען.

נור איך פאָהר, חיא איך בין געוואוינט צוא פאָהרען, און טראַכט מיר וועגען אַ קרעטשמע אין וועג, וועגען אַ גוטער וויעטשערע, און אַ וואַרימען אויווען, לעבען וועלכען עס שלאָפט זיך אַ מחיה נפשות! נור אָט, דאַכט מיר, פאָהר איך אין וואַלד אַריין, אין דעם גרויסען גדיכטען וואַלד, וואו וועלף טרייבען זיך אַרום גאַנצע סטאַיעס, און דאָ טאָהר מען ניט שלאָפען... עס איז ניט טאָג, ניט נאַכט. ניט פינסטער, ניט ליכטיג—וויא תמיד אין גרויסען וואַלד. עס איז ווינטער. דאָס דערקען איך פון דעם שניי, וואָס קרעכצט אונטער דער שווערער משא פון מיין אָנגעלאָדענעם וואָגען, וואָס איך זיץ מיר אַזויא בהרחבה.... און קאַלט איז מיר, און הונגעריג בין איך. און דאָ פאַלט מיר דאָס האַרץ אַרוים פון שרעק, אַז איך דערמאָן זיך, וואָס גראָד איצט איז דיא רעכטע צייט, ווען דיא וועלף האָבען גאָר דיא מורא און דיא בושה פערגעסען און קענען איטליכע רגע אָנפאַלען אויף מיינע פערד, און פאַר וואָס טאַקי ניט אויף מיר אַליין אויך?

— נאָ, וויאָ! דאַכט מיר, גיעב איך אַ געשריי צוא מיינע סוסים, וואָס האָבען פיינט זיך צוא צוזאיילען און געהען זיך אין שפּאַן טריט בייא טריט וויא דיא פערשלאָפענע.

— נאָ, וויאָ! שריי איך נאָך אַ מאָל, און גיעב זייא צוא פערשטהען מיט דער בייטש וואָס נאָ, וויאָ איז טייטש. פערדישע מוחות, הונדערט מאָל איז זייא וועניג, מען מוז זייא איטליכעס מאָל מיט דער בייטש דערמאָהנען, וואָס נאָ, וויאָ איז טייטש!

מיינט איהר עס האָט געהאָלפען? אַ נעכטיגער טאָג! זייא געהען זיך טריט בייא טריט, און הערען אַפילו דיא בייטש ניט.

עס איז מיר אַ חדוש.. ס'טייטש ניט הערען דיא בייטש? עס מוז עפּיס זיין, טראַכט איך מיר. איך קוק פון קעלנע אַראָב, און עס דאַכט זיך מיר. איך זעה קלאָר, וויא דאָס יונגע פערדל אויף'ן דראָנזיק, אָט דאָס חדר־בחור'ל, דערצעהלט זיינע עלטערע חברים עפּיס אַ אינטערעסאַנטע

פערדישע מעשה, מסתמא. דיא גרויסע הערען איהם צוא, און הערען מיך ניט און מיין בייטש ניט אפילו.

— איי, דוא ביזט אזא בחור? איך וועל דיר שוין ווייזען מעשות דערצעהלען, בעת מען געהט אין שפאן! טהו איך א זאג, און לאז איהם אראב מיט'ן גאנצען כח א שמיטץ פון דער פולער האנד, גאר ניט געקארגט.

אלטע פערד, וואס זענען שוין געוואוינט צוא דער בייטש, מעגסט דוא שמייסען און שמייסען, זייא טהוען אפילו קיין קרעכץ ניט, נור דאס איז א יונג פערדל געוועזען... אויף'ן אייגענעם לייב דעם טעם פון מיין בייטש נאך ביז אהער ניט פערזוכט, האט עס, א פנים, טאקי גוט דערפיהלט, און האט ניט לאנג געטראכט, אויסגעזעצט מיטביידע הינטערסטע פיס.

גומל דארף איך בענשען, וואס מיין קעלנע איז אזויא הויך, און זיינע הינטערסטע פיס האבען צוא מיר ניט דערגרייכט, מיט שניי און מיט שטיקער אייז אבער האט ער מיר דאס גאנצע פנים פערשאטען, שיער, שיער מיר א אויג ניט אויסגעהאקט.

קום איך דאך אריין אין רציחה, פערקריך איך מיר אונטערן פארטוך פון מיין בויד, שטרעק ארויס דיא האנד, און הייב אן צוא האקען מיט דער בייטש אהין און אהער וויא אין קרויט, אלעמען, כסדר... אזא טבע האב איך: קום איך נור אריין אין רציחה, קוק איך ניט ווער גערעכט, ווער אונגערעכט. איך האק מיט דער בייטש וויא אין קרויט וואו נור איך טרעף... און לעבען זאל טאקי דיא בייטש! דער עולם האט אנגעהויבען צוא שטעלען פיס, עס געהט א גאנג.

נור עפיס געפעלט מיר ניט דער אימפעט זייערער: זייא לויפען וויא דער רוח וואלט זייא געטראגען, און אט הער איך, וויא עס קנאקט שוין דער וואגען, וויא עס פלאצען דיא שטריק מיט וואס דיא משא איז צוגעבונדען—נאך א פאר מינוט, און דער גאנצער וואגען, זעה איך, ווערט אין דרעביעזגעס צושאטען.

—טפררו, סטאפ: שריי איך און אנגסטען בעפאלען מיך. שריי צוא זייא, שריי צוא דער וואנד, זיי הערען מיך ניט, האב איך שכל—לאז איך

ארויס דיא לייצעם פון די האַנד, שפּרינג מיר אַראָב מיט סכנות נפשות, אויף אַ רגע פון דער קעלנע, טהו מיך אַ יאָג און פּערלויף זייא פּאָראויס דעם וועג... און מיט'ן בייטש שטעקעל איבער דיא מאָרדעס, גלייך אין דיא אויגען, ביז זייא האָבען זיך אָבגעשטעלט.

אָבגעשטעלט, אָבער צוהיצט און צוקאָכט. פון מויל און פון דיא נאָז־לעכער שלאָגט אַ פּאַרע וויא מיט בלוט צומישט. איך לאָז זייא אַ רגע אויסרוהען, זיך אָבקיהלען, הייסט עס, און געה מיר צוריק צוא דער קעלנע און וויל נעהמען דיא לייצעם אין האַנד. אָבער דאָ דערפיהל איך, אַז דיא פינגער פון ביידע הענד זיינען מיר, פון קעלט מסתמא, שטייף געוואָרען וויא דיא בייטש שטעקלעך. איך קען דיא לייצעם צוריק אין האַנד ניט אַריינעהמען... נעהם איך שוין איין לייצע אָן וויא עס איז, פאַלט דיא אַנדערע צוריק אַרויס. אַ ביטערער עסק! קלער איך מיר: ניט האָבענדיג אַלע לייצעם אין האַנד, קען מען מיט פינף פערד גיכער קומען צוא גאָט, וויא צו דער ערסטער קרעטשמע אפילו.

הייב איך דאָך אָן צו הויכען איבער דיא פערפראָרענע פינגער, אפשר וועלען זייא אבגעהען און איך וועל צוריק אַלע לייצעם קענען אין האַנד אַריינעהמען, אָבער עס דאַכט זיך מיר אַז נור שניי און האָגעל פאַלען פון מיין מויל אַרויס, און ניט קיין וואַרעמער הויך, אַ פנים אַז דאָס הארץ מיינס האָט שוין געמוזט זיין אַ שטיק אייז אין מיר נאָך פון פריהער...

און אין וואַלד, דערזעה איך, הויבט אָן פרעהליך צוא ווערען. עס זעהען זיך שוין דיא וועלפישע אויגען, וואָס ברענען צווישען דיא בוימער וויא אָנגעצונדענע יאָהרצייט־ליכט. עס דאַכט זיך מיר, איך הער שוין אַפילו דאָס קריצען און שאַרפען דיא הונגעריגע ציינער זייערע. אָט, אָט טהוען זייא זיך אַלאָז, און צורייסען מיך און מיינע פערד אויף שטיקער.

—נאָ, זאָג איך מיט אַ לשון בקשה, — נאָ, חיינט נאָ מאָרגען — זייא הערען מיך ניט.

פּרובען זיך מיט דער בייטש, בעת מען האָט ניט אַלע לייצעם, אין האַנד, איז סכנות נפשות: מיט איין האַסטיגען ציה, קענען זייא דעם

גאַנצען יאָגען אין גראָבען אריינקערען, און מען קען קומען צוא אַ שיינעם תכלית.

מען דארף פרובען מיט גוטען, קלער איך. פערד לאָזען זיך גיך איבערבעטען.

— סוסים! ווענד איך מיך צוא זייא — אַלע מאָל ווען איך וויל זיך צוא זייא צושמייכלען, רוף איך זייא ניט „פערד", נור סוסים. זייא מיינען: ווייסט גאָט וואָס פאַר אַנ'עהערנטימעל דאָס איז.

— סוסים, זאָג איך, וואָס איז דער שכל פון שטיין? מילא איהר קענט ניט, צוא איהר ווילט ניט לויפען, בין איך אייך מוחל! איך ווייס טאַקי אַליין, אַז ניט גרינג איז דער גורל פון אַ פערד... איהר דאַרפט אָבער בערעכענען, אַז אַליין שלעפּען דעם וואָגען קען איך ניט. אָט לאָזט אייך פיהרען פון מיר פאַרן פאָוויער, חאָטש ביז דער ערשטער קרעטשמע.

— איהר הערט ברידער, דבורים? מאַכט דאָס קליין פערדל צוא דיא איבעריגע — ער ליגט שוין, אַ פנים, גוט אין דער קלעם! וויא ווייך ער איז געוואָרען, חאָטש נעהם און לייג איהם צוא אַ געשוויר! — איצט ברידער, איז צייט בייא איהם אויסצופיהרען אַלץ וואָס מיר ווינשען זיך שוין אַזויא לאַנג!

„אַרויספיהרען זאָל מען דיך, ממזר! קלער איך בעת מעשה, וואָרט שייגאָץ, וויא קום איך נור צוא דער קרעטשמע צוא, וועסט דוא שוין בייא מיר וויסען, וויא איך רעכען זיך אָב פאַר אַזוינע דבורים!"

— וואָס שטעהט איהר? פרעג איך, קומט גיכער, זעהט, וועלף... אויף נאמנות, אמת'ע וועלף, הונגעריגע און בייזע, אָט בעפאַלען זייא אייך! לאָזט זיך פיהרען פון מיר, איך וויל דאָך אייך ראַטעווען! בעט איך זיך און עס איז מיר פאַר זיך אַליין אַ חרפה, אַז איך זייער שמייסער, וואָס זייא האָבען פאַר מיין קוק געציטערט, איך זאָל אַזויא דאַרפען זיך בעטען בייא זייא.

נור עס העלפט אפילו דאָס בעטען אויך ניט, זייא הערען זיך גאָר ניט צוא צוא מיינע רייד.

— סטיט'ס, גזלנים רוצחים אויף זיך אַליין, וועלף בעפאַלען אייך

דאָך! שרייַ איך אויס מיט אַ ביטערן קול, אַז איין גאָט מעג מיר ענטפערן.

— אויף אונז? מהוט זיך דאָס קליין פערדל אַ זאָג מיט אַ סמוזרישען געלעכטער׳ל.

— לאָז זיין, אויף מיר אויך, גיב איך צוא, אָבער אייך וועלען זייא דאָך אויך ניט אויס לאָזען. —

— אונז איז אַלץ איינס, ענטפערט ווידער דאָס יונג פערדל, וואָס איז אַ ראש המדברים געוואָרען פאַר זיינע עלטערע חברים — אַלץ איינס: בייא דיר אין דיא האַלבלאַבלעס אונטער דיין בייטש צוא פאַלען, אָדער פון דיא וועלף צוריסען צוא ווערען, ווייטער אַזויא לעבען וויא ביז איצט, קענען מיר שוין ניט!...

— טאָ זאָגטזשע, וואָס ווילט איהר?

אויסטענהען זיך! ענטפער׳ן אַלע מיט אַ מאָל — איינמאָל פאַר אַלע מאָל, זאָגען דיר מוזען מיר, וואָס מיר ווילען, און פועל זיין וואָס מיר ווילען!!

— צוא איז איצט אַ צייט אויף טענות, אויף וכוחים, בעת וועלף בעפאַלען אונז? בעת דיא סכנה איז גרויס? פרעג איך כמעט וויינענדיג.

— קינדער, רופט זיך אָב דאָס אַלטע ווייסע פערד, וואָס געהט אין מיטען, און וואָס האָט זיך תמיד ליעב סומך צוא זיין אויף דיא זייטיגע. ווען עס קומט אויס דעם וואָגען פון בלאָטע ארויס צוא ציהען — קינדער, מיר דאַכט זיך, עס איז, בעת וועלף בעפאַלען אונז און איהם צוגלייך, מאַקי קיין יושר ניט צוא שטעהען און צוא טענה׳ן.

— אַלטער פערד! גיט אַ געשריי דאָס יונג פערדל וויא אַ עזות מחוצף פנים. — פון יושר רעדסט דוא? ער פאַר אונז האָט אַ סך יושר?

— אָבער וויא ווייט איז נאָך צוא דער קרעטשמע? ענטפערט דאָס אַלטע פערד. קומען מיר נור צוא צוא דער קרעטשמע בשלום, וועל איך דער ערשטער שרייען: זיך אויסטענה׳ן.

— בייא דער קרעטשמע? לאַכט זיך פאַנאַנדער דאָס יונג סמוזר׳ל — בייא דער קרעטשמע, ווען ער וועט אונז צובינדען צום דראָנג, דיא הענד וועלען איהם אַבגעהען. און ער וועט צוריק דיא לייצעס בעקומען, וועט ער

פאַר אונז אַזויא מורא האָבען וויא פאַר דעם פאַר אַ יאָהריגען שניי... איצט נור איצט, טויזענד יאָהר וואַרטען מיר פערד, ביז מיר האָבען דאָס לשון בעקומען, און האָבען מיר עס שוין, טאָהרען מיר איין רגע ניט אַריבער־לאָזען און מיר מוזען אַרויסזאָגען וואָס מיר ווילען!...

— שטיל שייגאָץ! גיב איך אויף איהם אַ געשריי. עס זענען דאָ עלטערע פאַר דיר, לאָז זייא רעדען!

— איצט, איצט! הירזשען אונטער דיא עלטערע, צושאָקלענדיג מיט דיא קעפּ.

און הערט איהר, וואָס איך זאָג אייך, עס איז מיר גאָר קיין חידוש ניט געוועזען, וואָס מיינע פערד האָבען מיט מיר פלוצלינג אָנגעהויבען צוא ריידען בלשון בני אָדם, ממש וויא איך רייד מיט אייך. נויט, זאָגט מען, ברעכט אייזען, און אַ בייטש קען שטומע רעדענדיג מאַכען. דיא אייגענע בייטש, וואָס האָט ריידענדיג געמאַכט בלעם'ס אייזעל בייא טאָג, האָט געעפענט דאָס מויל מיינע פערד אין חלום בייא נאַכט. וואָרום בייטשען האָב איך זייא קיין מאָהל ניט געקאַרגט, דאָס האָט מען געקענט אָנזעהן אויף זייער צושמיסענע צופּאַסעוועטע פעל. אַ חדוש אָבער איז מיר געוועזען וויא קומט צוא אַזאַ יונג פערד'ל אַזאַ חתוך הדבור'ל, וו:ָס זאָל אַזויא גיך קענען איבערדבר'ן דיא עלטערע, זייא אַלע זאָלען אויך אין איין קול אָנהייבען צוא שרייען: איצט, נור איצט!?

— וואָס, איצט? מאַך איך מיך ניט וויסענדיג.

— אויסטענה'ן זיך איצט! ענטפערן זייא אין איין קול.

— אויסטענה'ן זיך איז ווענינ! מישט זיך ווידער אַריין דאָס יונג פערד'ל. שווערען זאָל ער אונז, אַ תקיעת כף זאָל ער געבען, אַז ער וועט נאָכגעבען און מקים זיין אונזער פערלאַנג!...

— דרך ארץ, יונגערמאַן! רייד איך שוין צוא איהם, כלומרשט מיט כבוד—נישט כדאַי זיין העזה אַרויסצורופען אין דער סכנה'דיגער רגע—וואו תורה איז חכמה, וואו זקנה—יושר! זאָלען פריהער עלטערע ריידען.

— וואָס זאָגסט דוא? ווענדע איך מיך צום מיטעלסטען, דעם סאַמע עלטעסטען, וועלכער דאַרף מיר זיין געטרייער פאַר דיא איבעריגע.

ער קעהרט אוים זיין פערדישען קאָפּ צו מיר, און זאָגט:

— דיא בּיטש, ר׳ שמשון! וויא ווערען מיר שוין אַ מאָל פּטור פון דער בּיטש!

— וואָס האָסט דוא צוא דער בּיטש? פרעג איך צוריק מיניה וביה— מיט דער בּיטש טרייבּ איך דאָך נור אַראָבּ דיא פליגען פון אייך! אָהן דער בּייטש, וואָלטען זייא אייך לעבּעדיגערהייט אויפּעסען!

— אויף פליגען אַראָבּ צוא טרייבּען—רופט זיך אָבּ דאָס יונג פערדל—האָט אונז גאָט געגעבּען עקסטראַ אַ לאַנגען וויידעל... שער דוא איהם נור ניט אונטער, וועלען מיר מיט פליגען אַליין זיך אָבּפּאַרטיגען.

איהר הערט וואָס אַזאַ שייגאַץ האָט שכל צוא זאָגען?—איך שעם מיך אויסצוזאָגען, איך האָבּ איהם ניט געהאַט וואָס אָבּצוענטפערן, בּין איך דאָך אָבּער קיין פערד ניט, און פאַל בּאַלד אויף אַ המצאה׳לע, רוק איך מיך אונטער שטילערהייד, הינטען אַרום, צוא דער שטילער קליאַטשע, וואָס איז בּייא מיר דאָס כּפּרה הינדעל פאַר אַלעמען, חאַפּ אַרויס אַ שפּילקע פון אונטער דער לאַטץ, און לאָז איהר אַריין טיעף אין דיא סאַמע ווייכע, אַז דאָס איהר בּלוט האָט אַ שפּריץ געטהון וויא פון אַ פאַנטאַן.

דיא בּידנע קליאַטשע האָט אַ בּיטערן קרעכץ געטהון און איז פערציטערט געוואָרען פון וויהטוג.

— איהר זעהט, מאַך איך צוא דיא איבּעריגע, איהר האָט טענות צוא דער בּייטש, איך האָבּ נור אויף איין רגע דיא בּייטש אַרונטער גענומען פון איהר, זיינען שוין פליגען בּעפאַלען, און בּלוט רינט שוין!

— וואו זענען דאָ ווינטער פליגען? חאַפּט זיך אַרויס דאָס עזות׳דיגע יונג פערדעל בּיים דראָנזיק.

— שטיל! גיבּ איך אַ געשריי, בּלומרשט מיט קוראַזש—אין אַלץ מישט דוא זיך אַריין, ניט דיך האָבּען געבּיסען דיא פליגען, ניט דיין דאגה; לאָז טענה׳ן יענע, וועמען עס טהוט וויה!

געמיינט האָבּ איך, אַזויא וויא דיא קליאַטשע איז תמיד אַ גרויסע סבלנ׳טע, חאָטש בּיים זיא און רייס זיא מאַכט זיא קיינמאָל ניט קיין רייד, וועט זיא מסתמא איצט אויך מאַכען אַ שווייג, ערסט איך האָבּ דאָס מאָל

א גרויסען מעות געהאַט, דיא שטילע קליאַטשע האָט אויך בעקומען העזה, און נאָך וואָס פאַר א העזה! קעהרט צוא דעם קאָפּ צוא מיר און רעדט אַרוים גאַנץ קלאָר:

— שמשון, גענוג שמייסער, גענוג בייטשען האָב איך שוין אַריבער געטראָגען... ווענען ווילסט דוא איינשטמועסין, אַז דאָס האָט מיך אַ פליג געביסען? עס איז שוין צייט איך זאָל דערקענען דעם חלוק צווישען א ביס פון א פליג ביז א שטאָך מיט א שפילקע!

— ביזט מיך אפשר חושד, אַז איך האָב דיך אַליין אַ שטאָך געטהון?... דוא ניט פערגעס מיט ווענען דוא רעדסט! ענטפערן ווערסט דוא מיר פאַר אַזאַ העזה'דיגען חשד!... שרייא איך כלומר׳שט שטאַרק בעליידיגט וואָס זיא איז מיר חושד.

— ניט נור חושד בין איך דיך, שמשון, אָבער ווען עס זאָל זיין א בית־דין צדק אויף דער וועלט, וואָלט איך דאָס אויפּווייזען מיט אותות און מופתים, אַז דוא, טאַקי נור דוא האָסט מיך מיט דער שפּילקע געשטאָכען! האָט דיא אַלטע קליאַטשע א העזה געהאַט מיר אָבצוענטפערן.

— צוא בית דין, צוא בית דין! דערווייזען ווערסט עס מיר, דוא עזות'ניצע! צושרייא איך מיר, גלייך וויא איך וואָלט טאַקי גאָר ניט שולדיג געוועזען אין דער גאַנצער מעשה מיט דער שפּילקע.

— ווער אָבער איז דיין בית דין שמשון? ענטפערט מיר די קליאַטשע. זיינען דען דיינע דינים ניט דיא אייגענע שמייסער מיט דעם אייגענעם יושר וואָס דוא אַליין?

— אמת, אמת, חאַפּט איהר אונטער דאָס יונג פערדעל ביים דראָנזיק, איך האָב אויך שוין א מאָל א דין תורה געהאַט, און איך האָב זייא דערקענט דיא דינים דיינע...

— אין אַלץ ביסט דוא געניט, אין אַלץ האָסט דוא ליעב דיין צינגעל אַריינצושטעקען, אָב דאַרען מעג עס דיר! זידעל איך איהם אויס. וואָס איז דאָס דיין עסק? נאָך א מאָל זאָג איך דיר: ניט דיך האָבען דיא פליגען געביסען!

— אָבער מיט וואָס זיינען מיר אַללע זיכער, אַז מאָרגען אָדער

איבער מאָרגען וועסט דוא דיא אייגענע קאָמעדיע מיט אונז ניט אָבשפּילען? רופט זיך אָב ווידער דאָס קליין מַזוֹר׳ל.

— וועסט דוא דעמאָלט האָבען אַ ברירה צוא טענה׳ן!... דערוויילע אָבער גייהט דיא צייט אַריבער און מיר ריהרען זיך פון אָרט נישט. זאָל עס צוגייהן גיבער אַביסעל, און זאָל טענה׳ן ווער עס האָט נאָך עפּיס וואָס צוא טענה׳ן.

— און דוא וואָס ווילסט? ווענדע איך מיך דערוויילע צוא נאָך איינעם פון מיטען שפּאַן.

— דיא צוים, דיא לייצעס דיינע זיינען שוין ניט אַריבער צוטראָגען, שמשון! ענטפערט דאָס פערד, און עפּענט מיר זיין צובלוטיגט פערדיש מויל און ווייזט.

נאַ זעה צוא האָט מיר דיין צוים שוין ניט אַלע ציינער אויסגעבראָכען? צוא האָבען מיר ניט דיינע שטענדיג אָנגעציינענע שטריקענע לייצעס מיין מויל ביז טיף אין דיא באַקען אַריינגעריסען? וויא האָט מען דאָס גאָר קיין רחמנות ניט. קיין יושר און קיין גאָט אין הארצען ניט?!

— דיא צוים און דיא לייצעס האָב איך אפשר אויסגעטראַכט? פאַל איך איהם אַריין אין דיא רייד, אפשר איז אין ששת ימי בראשית ניט צוגלייך מיטן ערסטען פערד בעשאַפען געוואָרען אויך דיא ערסטע צוים און דיא ערסטע לייצעס? אפשר ווייסט איהר ווען איז אַ מאָל אַ פערד אין שפּאַן געגאַנגען אָהן אַ צוים און אָהן לייצעס? ניין, ניין! שרייא איך מיט היטץ, ווענען צוים און לייצעס זאָל קיינער אַמויל נישט עפּענען צוא טענהן, דיא וועלט איז נאָך ניט הפקר!...

— יאָ, אַ צוים, יאָ לייצעס! רעדט שוין דאָס פערד ווייבער—ווער זאָגט, עס זאָל גאָר קיין צוים ניט זיין? ווער וויל עס זאָללען גאָר קיין לייצעס ניט געדאַכט ווערן? זאָלען בלייבען פון מיינטוועגען אי אַ צוים, אי לייצעס, אָבער וואו שטייט אין דער תּורה, אַז עס מוז זיין אַ צוים דוקאַ אַ אייזערנע, וואָס זאָל אַלע ציינער אין מויל אויסברעכען? ווער זאָגט עס ווידער, אַז אנדערס קענען פערד אין שפּאַן ניט גייהן, סיידען מיט לייצעס פון גראָבע שטריק וויא פרענטען אָנגעציינענע, וואָס זאָללען דאָס מויל ביז

טיף אין דיא באַקען אַריינרייסען?

„אַ טענה איז דאָס — קלער איך מיר — פּרובען עפּיס צוזאָגען, נישט נאָכגעבען חלילה — אַ ברירה האָב איך אין אַזאַ סכנה צייט?"

— ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען, ווענד איך מיך צוא זייא גאָר גוט און פרום, הגם ניט איך האָב געמאַכט דיא צוים און דיא לייצעס, איך האָב זייא, וויא איהר ווייסט אַליין, בירושה פון טאַטען, פון זיידעס און עלטער זיידעס, גור אַזויא וויא איצט זיינען שוואַכערע דורות, און היינטיגע פערד זיינען אויך ניט אַ זעלכע גראָיסע פערד וויא אַ מאָל, זאָג איך אייך צוא, בלי נדר ובלי מסקנאָ, תיכף וויא מיר וועלען נור פון דיא וועלף פטור ווערן און בשלום אַהיים פאַרפאָהרען, וועל איך שיקען רופען דיא מייסטערס פון שטאָדט, און איך וועל מיט זייא זיך מישב זיין: צוא איז ניט מעגליך אויסצואַרבייטען אַ צוים פון פעך און פון פוטער, זיא זאָל זיין אי וויייך אי גרינג, און לייצעס — צוא קען מען ניט מאַכען, לאַנגע, זיידענע מיט פרוזינקעס, וואָס זאָלען זיך קירעווען רעכטס און לינקס נאָר אַליין... נוא, וועט איהר צופריעדען זיין?

— זייא נור אַזויא מקיים וואָס דוא זאָגסט צוא, וויא מיר וועלען זיין צופריעדען! רופט זיך אָב דאָס ווייסע מיטעלסטע פערד, וואָס איז תמיד מיט אַלץ צופריעדען.

— אָבער גאָר לאַ! שרייט אוים דאָס סיערע זייטען פערדעל רעכטס — און דיא פּאָר קלאַפּעס פאַר דיא אויגען איז בייא אייך רעכט? בלינד וויא אַלע בלינדע בין איך דאָך שוין געוואָרען צוליעב דיינע פּאָר קלאַפּעס, וואָס דוא פערשטעלסט מיר דיא שיין און דיא וועלט מיט זייא! דוא מיינסט אַז פערד, חאָטש סיערע אָרעמע פערד, האָבען גאָר קיין נשמה ניט, קיין האַרץ ניט, וואָס גלוסטען אַ מאָל אי ליכט, אי אַ וועלט צוא זעהן? מיר גייהען אָפט פאַרבייא אַ פעלד, עס דערפיהלט זיך דער אַראָמאַט פון גרין זאַפטיג גראָז, עס טראָגט אַ ווינטעל צוא אַ מאָל אַ זיסען ריח פון אַ שיין שמעקענדיגען בלימעלע, דאָס האַרץ ציהט, חלשות שפּייעכץ לויפט אָן אַ פול מויל... עס גלוסט זיך חאָטש אַ קוק טהון, נישט מעהר וויא אַ קוק טאָהן — אַ צופּ טהון, ווייסען מיר, וועסט דוא דאָך אונז אַ ודאי נישט צוא

לאָזען... ניין, איז דיין אכזריות אַזויא גרויס, אַז אַ קוק טהון אַפילו לאָזט דוא אויך ניט, גלייך וויא דוא וואָלסט באמת מוראָ האָבען, אַז מיט אָפענע אויגען זאָלען מיר דיר חלילה קיין עין הרע ניט געבען.

— עפּיס רעדט איהר, אויף נאמנות, וויא קליינע קינדער, וואָס האָבען גאָר קיין שכל ניט אַליין צוא פערשטייהען דיא טובה, וואָס מען טהוט זייא! ענטפער איך אָב באַלד, און קוועטש מיט דיא אַקסלען, כלומר'שט וויא איך וואונדער זיך וואָס זייא האָבען טענות צוא דיא קלאַפּעס פאַר דיא אויגען.

— נאַרען, האָט מיר קיין פאַר איבעל ניט, זאָג איך צוא זייא, דיא קלאַפּעס פאַר דיא אויגען האָב איך אייך אָנגעטהון נור פון אַייער טובה וועגען! וואָס מיין איך דען מיט דיא קלאַפּעס? איך מיין דאָך נישט מעהר, איהר זאָלט כסדר קענען גייהן בדרך הישר... אין דעם דרך הישר, אין וועלכען עס זיינען געגאַנגען דיא טאַטעס אַייערע, דיא זיידעס און עלטער זיידעס, דיא גרויסע בעריהמטע פערד, זייער זכות זאָל אַייך ביישטייהן! פאַר אַייער נשמה זאָרג איך דאָך, און איהר האָט נאָך טענות צוא מיר!

— מיר בעטען דיך ניט, דוא זאָלסט זאָרגען פאַר אונזער נשמה, רופט זיך אָב יענם פערדעל לינקס, וואָס געהט לעבען יונגען ביים דראָנזיק—שיין זאָרגסט דוא פאַר אונזער גוף? דער עיקר, דאַכט זיך, איז דיא אַכילה, און איך געדענק שוין דיא צייט ניט, ווען איך האָב געזעהען אַ הייא אָדער אַ האָבער אין דיא אויגען... אַלץ שטרויא און סעצקע און אַפילו קיין ריין וואַסער ניט אויף אַ טרונק.

— אַ ליגען, אַ ליגען! שרייא איך וויא אַ אָנגעצונדענער פון כעס — אפשר ווייז איך אייך ניט אַ הא (היי) אין סדור, און אַ האָבער—אין שולחן ערוך אין הלכות פסח?... באַשר איהר האָט פערדישע מוחות און איהר זייט קיין מבינים ניט אין דיא שוואַרצע פּינטעלעך און איהר זעהט זייא ניט; זאָגט אָבער ניט, אַז אין מיין סדור איז קיין הא נישטאַ און איך ווייז אייך ניט!

— דוא האָסט נאָך טענות וואָס מיר זיינען קיין מבינים ניט אין דיא שוואַרצע פּינטעלעך? שרייט איין פערד מיט רציחה—ווער האָט אונז בלינד

געמאכט, מיר זאָלען נים קענען זעהען אין דיא קליינע פינטעלעך, אויב נים דוא מיט דיינע פאָר קלאַפּעס וואָס דוא טהוסט אונז קיינמאָל נישט אוים אונזערע אויגען?!

— ברידער, געגוג אַלע טענות, חאַפּט זיך ווידער אַרוים דאָס יונג פערדעל—זאָגט איהם אַרוים איין מאָל פאַר אַללע מאָל קלאָרע דבורים: מיר גלויבען דיר ניט, שמשון שלמה, מיר גלויבען דיין סדור ניט, מיר גלויבען אפילו דיין שלחן ערוך אויך ניט!

— דוא גלויבסט דעם שלחן ערוך אויך ניט שרייא איך טאַקי אמת אין כעס—ביזט דוא דאָך שוין אַ פערטיגער אַפּיקורוס! אונ מיט אַ פאַרטיגען אַפּיקורוס איז אַ מצוה זיך אָפּצורעכענען. אַ מצוה עוקר מן השורש צוא זיין אַ פאַרטיגען אַפּיקורוס!.

מיט דיא ווערטער חאַפּ איך מסתמאָ אַ אייזערנעם פרענט אַראָב פון וואָגען און וויל איהם פלעטען דעם מוח, נעמט אָבער פייגעל, דיא אשת חיל מיינע, און טהוט אַ שטאַרקען הוסט... איך חאַפּ מיך אויף פון שלאָף, איך גיב אַ קוק, דיא אשת חיל מיינע איז אָפּגענאָסען מיט בלוט. וואָס זאָגט איהר אַדרבה, דאַכט זיך, נישט מעהר וויא אַ חלום געוועזען, און פייגעל מיינע הוסט, ניט פאַר אייך געדאַכט, מיט בלוט פון דעמאָלט אָן טאַקי אויף אַ אמת... דאָס הארץ צוגייהט מיר אפילו פון רחמנות, קיין רפואה פאַר איהר האָב איך נאָך אָבער נים!

[illegible]

אידישע ליטעראַטור.

אונטער דיזען נאָמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאָלגענדע אויסגעזוכטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראַטען און פּאָעטען.

אברהם אבינו'ס לעבענס-בעשרייבונג, א. ראָזענבערג,	3
אויסגעקומענער גביר, שלום-עליכם,	3
אז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פּרץ,	3
אידען אין פרס ומדי, א. מאַנגענבוים,	3
איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראַבינאָוויץ	5
אייזיק'ל שוחט, י. ל. פּרץ,	3
אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
אין שטראָם פון רעוואלוציאָן, ם. דאַנציס,	5
דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען,	15
ארץ-ישראל פושקע, ם. ספעקטאָר,	3
באַרדיטשעווער טהעאַטער, שלום-עליכם,	5
באַרדיטשעווער פּראַשוואַי און האָטעלען, שלום-עליכם,	5
באַשערט אנ'אונגליק, שלום-עליכם,	3
בבל (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
ביי'ן דאָקטאָר, שלום-עליכם,	3
בלינדער בעטלער, א. באַראָש,	3
בן יחיד, ב. גאָרין,	3
בשעת מגפה, י. ל. פּרץ,	3
גאָלדעלע, ם. ספעקטאָר,	3
גימעלע'ס יום-כפור, י. דינעזאָהן,	3
גימנאַזיע, שלום-עליכם,	3
געלד און לעבען, ד. עדעלשטאַט,	3
דור הפלגה, א. גאָלדפאַדען,	5
היינריך היינע, ג. ם. באַבאַד,	3
הכנסת כלה, י. ל. פּרץ,	3
ווינרישנער בילעט, שלום-עליכם,	3
ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק,	3
חנגס-לייט, בילדער פון ם. ספעקטאָר,	5
חברא, ד. עדעלשטאַט,	3
וועלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין,	3
חנא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
דער חלום, י. ל. פּרץ,	3
חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פּרץ,	10
דאָס טעפּעל, שלום-עליכם,	3
יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פּרץ,	3
ירחמיאל'קע,	3
כעס פון א יודענע, י. ל. פּרץ,	3
ל"ג בעומר, שלום-עליכם,	3
ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ,	5
דער לץ, י. ל. פּרץ,	10
מאַן און ווייב, ם. ספעקטאָר,	3

דער מאהלער, ד. עדעלשטאַט	3
מענדעל בריינעס, י. ל. פּרץ,	3
מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פּרץ,	3
מעשה'לעך פון דול-הויז, י. ל. פּרץ,	15
משומד, י. ל. פּרץ,	3
משוגענער בטלן, י. ל. פּרץ,	3
משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען,	15
די מוסרים, ב. גאָרין,	3
דער משולח, י. ל. פּרץ,	3
ניט קיין גלייכע פּאָאָר. בן אביגדור,	3
נייער ראַבינער, ש. פרוג,	3
נעבאַך, ב. גאָרין,	3
נעילה, י. ל פּרץ,	3
די נשמה, י. ל. פּרץ,	3
עגיפּטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	15
ערקעלטונג און קאַטאַר, א. מאַנגענבוים,	3
אנ'עצה, שלום-עליכם,	3
פּאָעזיע, י. ל. פּרץ,	5
דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען,	5
א פּעקעל בריעף, י. ל. פּרץ,	5
פּערעלע, שלום-עליכם,	3
פרעה'ס יורשים, י. ל. פּרץ,	3
פונ'ם פּריזיוו, שלום-עליכם,	3
פּיטשעל דער מלמד, שלום-עליכם,	5
א פערשטערטער שבת, י. ל. פּרץ,	3
דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאחנע, י. ל. פּרץ,	3
דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם,	3
פּריינקעל'ס שריפטען,	5
צו וואָס פוינ טהעאַטער, ב. פיינענבוים,	3
צוויי קברים, ש. ראַבינאָוויץ,	3
צוויי פעסלאך ווין, ם. ספעקטאָר,	3
דער קאר קאָנדוקטאָר, ד. עדעלשטאַט,	3
קליינע מעשה'לעך, י. ל. פּרץ,	3
די רומעניסשע אידען אין אמעריקא, ד. מ. הערמאַלין,	3
רייזע בילדער, י. ל. פּרץ,	10
דאָס שטריימעל י. ל. פּרץ,	3
שלום-פּיוויִשקע, ם. ספעקטאָר,	3
שמשון שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן,	3
שמעריל'ס שמחה, ם. ספעקטאָר,	3
שרה פעני, ם. ספעקטאָר,	3
שרה'לע, ם. ספעקטאָר,	3

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,

83-85-87 קאנאל סטריט, נויארק